Translated by Benjamin & Barbara Harshav



Oh, Zlochov, you my home, my town
With the church spires synagogue and bath,
Your women sitting in the market place,
Your little Jews, breaking loose
Like dogs at a peasant coming down
With a basket of eggs from the Sassov mountain—
Like life in spring awakens in me
My poor bit of longing for you—
My home, my Zlochov.

**my home, my town**—by breaking up the hackneyed word-compound, "my hometown" (i.e., the town where I was born), he seems to return the full, positive meaning to "home"—which is immediately rendered ironic and defeated.

But when, steeped in longing, I recall
The rich man Rappeport, how he walks
With his big belly to the synagogue,
And Shaye Hillel's, the pious Jew,
Who could sell like a pig in a sack
Even the sun with all its glowing—
Then it's enough to extinguish in me
Like a candle, my longing for you—
My home, my Zlochov.

**like a pig in a poke**—Jews are not supposed to deal with pigs; the sack covers up for it. The Yiddish idiom alluded to here is: "to sell a cat in a sack."

How goes the story about that dandy:
Once in an evening he watched for so long
The angels roaming about the sun,
Till a drunken peasant with an axe
Cut him down under his dress-coat,
Poor man:. he almost died from that—
The peasant with the axe is my hatred in me
For my grandfather, and through him—for you—
My home, my Zlochov.

Your earth may witness, I'm not making it up.
When my grandfather called in the police
To chase my mother from his house,
My grandmother, her legs spread wide,
Smiled almost as honey-sweet
As a girl standing between two soldiers—
Cursed be my hatred inside me
Which reminds me of her and of you—
My home, my Zlochov.

Like a bunch of naked Jews in a bath
Surrounding a man who'd been scalded,
They nodded their heads and stroked their beards
Around the evicted packs and junk,
Thrown-out pillows-and-blankets in sacks,
And around the bit of broken bed—
To this day my mother is crying in me,
As then, under your sky, in you—
My home, my Zlochov.

But our world is full of wonders.
A horse and a cart over the fields
Will carry you out to a railway train,
Which flies like a demon over the fields
Till it brings you to a ship with a lower deck,
Which takes you away to Newyorkdowntown—
And this, indeed, is my only consolation
That they will not bury me in you—
My home, my Zlochov.

משה-לייב האַלפּערן

## ➤ זלאָטשאָוו מײַן היים

אָ זלאָטשאָוו, דו, מײַן היים, מײַן שטאָט
מיט דײַן קלויסטערשפיץ און שול און באָד.
און מיט דײַנע זיצערקעס אויפן מאַרק
און מיט דײַנע ייִדלעך וואָס רײַסן זיך אָפ
ווי הינט אויף דעם פויער וואָס קומט אַראָפ
מיט אַ קיישל אייער פון סאַסאָווער באַרג —
ווי דאָס לעבן אין פרילינג וואַכט אויף אין מיר
מײַן אָרעם ביסל בענקשאַפט צו דיר, —
מײַן היים, מײַן זלאָטשאָוו.

נאָר אַז איך דערמאָן זיך פאַרבענקטערהייט
אָן דעם נגיד ראַפאָפאָרט, ווי ער גייט
מיט זײַן גראָבן בויך אין שול אַרײַן,
און אָן שײַע הילעלס, דעם פרומאַק,
וואָס וואָלט ווי אַ חזיר אין אַ זאַק
פאַרקויפט אַפילו די זון מיט איר שײַן —
איז דאָס גענוג עס זאָל אויסגיין אין מיר,
אַזוי ווי אַ ליכט, מײַן בענקשאַפט צו דיר, —
מײַן היים, מײַן זלאָטשאָוו.

ווי דערציילט זיך די מעשׂה פון יענעם פראַנט:
ער האָט איין מאָל פאַרנאַכט אַזוי לאַנג נאָכאַנאַנד
געזען מלאכים אַרום דער זון,
ביז סע האָט אים אַ שיכור, אַ גוי מיט אַ האַק —
אַזאַ מין פאַרפאָר געטאָן אונטערן פראַק,
אַז ר׳איז נעבעך שיִער נישט געשטאָרבן דערפון —
דער גוי מיט דער האַק איז מײַן שׂינאה אין מיר
צו מײַן זיידן, און אים צוליב אויך צו דיר, —
מײַן היים, מײַן זלאָטשאָוו.

דײַן ערד איז אָן עדות, אַז איך טראַכט נישט אויס.
ווען מײַן זיידע האָט מײַן מאַמען פון הויז
אַרויסגעשטעלט מיט דער פאָליציי,
האָט מײַן באָבע אין דער ברייט מיט די פיס
געשמייכלט שיִער אַזוי האָניק-זיס,
ווי אַ שיקסע וואָס שטייט צווישן זעלנער צוויי —
אַז פאַרשאָלטן זאָל ווערן מײַן שׂינאה אין מיר,
וואָס האָט מיר דערמאָנט אָן איר און אָן דיר, —
מײַן היים, מײַן זלאָטשאָוו.

ווי אַ קופּקעלע נאַקעטע ייִדן אין באָד
אַרום אַ פּעבריטן, האָט מען אין ראָד
געשאָקלט די קעפּ און די בערד זיך געגלעט
אַרום די אַרויסגעוואָרפענע פּעק
און שמאַטעס און בעבעכעס אין זעק
און אַרום דעם צעבראָכענעם שטיקל בעט —
מײַן מאַמע וויינט נאָך איצטער אין מיר,
ווי דעמאָלט אונטער דײַן הימל אין דיר, —
מײַן היים, מײַן זלאָטשאָוו.

נאָר וווּנדערלעך איז דאָך אונדזער וועלט.
מיט אַ פערד און וואָגן איבער אַ פעלד
שלעפּט מען זיך אַרויס צו דער באַן,
וואָס פליט ווי אַ שד איבער פעלדער אַוועק,
ביז זי ברענגט אויף אַ שיף מיט אַ צווישנדעק,
וואָס פירט אַריבער קיין ניו-יאָרק דאַונטאַון —
איז דאָס טאַקע די איינציקע טרייסט כאָטש פאַר מיר,
וואָס מען וועט מיך נישט באַגראָבן אין דיר, —
מײַן היים, מײַן זלאָטשאָוו.